**ערשטע און לעצטע נאמען: ____________________**

**Fair Fares ID:**

**________________________________**

**פעיר פעירס NYC**

**טערמינען פון באנוץ און אנדערע וויכטיגע אינפארמאציע פאר א ניו יארק סיטי אפטיילונג פון סאושעל סערוויסעס/יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע**

**פעיר פעירס NYC OMNY קארטל און דיסקאונטעד Access-A-Ride רייזעס**

די אפטיילונג פון סאושעל סערוויסעס/יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע (Department of Social Services/Human Resources Administration, DSS/HRA) פארפיגט אויף די פעיר פעירס ניו יארק סיטי (Fair Fares New York City, FFNYC) פראגראם ("די פראגראם"). די פראגראם ערלויבט בארעכטיגטע אינדיווידועלן צו פארן אויף די באן, לאקאלע באסעס, און אקסעס-א-רייד (Access-A-Ride) פאראטראנזיט פאר האלב פרייז.

**איינשרייבונג אין די פעיר פעירס NYC פראגראם:**

אויב איר קומט נאך די בארעכטיגונג פארלאנגען פון די פראגראם און געלט איז אוועילעבל, וועט איר ערהאלטן א FFNYC דיסקאונט און ווערן איינגעשריבן אין די פראגראם פאר איין יאר. איר וועט ווערן איינגעשריבן פאר איינע פון די פאלגנדע דיסקאונטס (וועלכע איז גילטיג פאר אייך ביים צייט ווען איר שרייבט זיך איין):

- דיסקאונט אויף MTA ניו יארק סיטי טראנזיט (New York City Transit, NYCT) באנען און לאקאלע באסעס (סטעטן איילענד רעילוועי, רוזעוועלט איילענד טראם, און האדסאן רעיל לינק); **אדער**
- אקסעס-א-רייד.

די פראגראם וועט אייך אויסשרייבן און די דיסקאונט וועט זיך ענדיגן אויב מען זעט אז איר זענט מער נישט בארעכטיגט סיי וועלכע צייט. אויב איר ווערט ארויסגעשריבן וועט די פראגראם אייך לאזן וויסן דורך פאסט ביי די אדרעס וואס איר האט אינעם רעקארד.

**FFNYC בארעכטיגונג**

NYC איינוואוינער קענען זיין בארעכטיגט פאר FFNYC אויב זיי:

- זענען צווישן (און אריינגערעכנט) די עלטער פון 18 און 64;
- זענען אין א הויזגעזינד וואס קומט נאך די אינקאם פארשריפטן פאר די FFNYC פראגראם;
- באקומען נישט די גאנצע געלט פארן קאר פון די DSS/HRA אדער סיי וועלכע NYC אגענטור; **און**
- וועלן אויס די FFNYC באן און באס דיסקאונט, טוען זיי נישט אצינד אנטיילנעמען אדער זיין בארעכטיגט אנטיילצונעמען אין סיי וועלכע אנדערע טראנספארטאציע דיסקאונט פראגראם.

**טויש פון די פעיר פעירס מעטרא קארטל (FFM) צו די פעיר פעירס איין מעטרא ניו יארק (OMNY) קארטל (FFOC):**

די פראגראם געבט מער נישט ארויס פעיר פעירס מעטרא קארטלעך (FFMo). אויב איר האט א FFM, קענט איר דאס נוצן ביז (וועלכע פאסירט ערשט):

- די קארטל לויפט אפ (די אפלויף דאטום איז אויף די הונטערשטע טייל פונעם קארטל);
- די קארטל ארבעט מער נישט;
- די קארטל ווערט אפגעשטעלט; **אדער**
- איר זענט מער נישט איינגעשריבן.

**ערשטע און לעצטע נאמען: ____________________**

**:Fair Fares ID**

**________________________________**

די טערמינען פון באנוץ וואס איר האט שוין אונטערגעשריבן זענען נאך אלץ גילטיג פאר אייער מעטרא קארטל ווי לאנג עס בלייבט אין קראפט.

ווען איר באנייט אייער איינשרייבונג אינעם פראגראם, וועט FFNYC אייך שיקן א פעיר פעירס OMNY קארטל (FFOC). FFNYC וועט ערזעצן אייער מעטרא קארטל מיט אן OMNY קארטל אויב איר באריכט עס אלץ פארלוירן, גערויבט, אדער געשעדיגט. איר קענט טוישן פון מעטרא קארטל צו OMNY סיי ווען.

**פאר אנטיילנעמער וועלכע זענען איינגעשריבן פאר א דיסקאונט אויף באנען און לאקאלע באסעס:**

וועט די פראגראם אייך שיקן אן FFOC <u>בלויז</u> פאר אייער באנוץ. אויב איר לאזט איינער אנדערש נוצן אייער קארטל, קען דער פראגראם אייך אפשטעלן און צוריקרופן אייער דיסקאונט און FFOC. ביטע זעט די שטראפן אפטיילונג אונטן פאר מער אינפארמאציע.

**וויאזוי די FFOC דיסקאונט ארבעט:**

ווען איר ערהאלט אייער FFOC, קענט איר צולייגן געלט צו עס ביי אן OMNY קארטל ווענדינג מאשין וועלכע געפונט זיך אין NYCT באן סטאנציעס, ביי אנטיילנעמנדע ריטעיל געשעפטן לענגאויס דעם סיטי (omny.info/retail), אדער דורך רופן OMNY קאסטומער סערוויס אויף 6669-789-(877), אדער אנליין דורך אייער רעגיסטרירטע OMNY אקאונט (omny.info/register).

- די פראגראם באצאלט נישט און געבט נישט צוריק פעיר קאסטן. די FFOC וואס איר באקומט וועט נישט האבן קיין געלט אויף עס.
- איידער איר קענט נוצן די FFOC, וועט איר דארפן צולייגן געלט צו באצאלן די פעיר פאר די סארט טראנספארטאציע איר גייט נוצן. די קלענסטע סומע וואס איר קענט צולייגן צו אייער קארטל איז $1.00.
- איר קענט טאפ'ן אייער FFOC אויף סיי וועלכע OMNY קארטל לייענער. אייער דיסקאונט וועט ארבעטן אויף די באן, לאקאלע באסעס, סטעטן איילענד רעילוועי, רוזעוועלט איילענד טראם, און האדסאן רעיל לינק. אייער דיסקאונט וועט נישט ארבעטן אויף עקספרעס באסעס אדער AirTrain JFK.
- אויב איר נעמט 12 באצאלטע רייזעס אינערהאלב 7 נאכאנאנדע טעג, וועלן אלע צוגעלייגטע רייזעס אין יענע צייט אפשניט זיין אויטאמאטיש אימזיסט. דאס איז דאס מערסטע וואס איר וועט באצאלן מיט די FFNYC דיסקאונט. דאס וועט זיין אוועילעבל פאר ווי לאנג פעיר באגרעניצונג ווערט פארגעשלאגן דורך OMNY.

**פארלוירענע, גערויבטע, אדער געשעדיגטע oFFOC:**

- גייט אריין צו ACCESS HRA (AHRA) אדער רופט 311 צו באריכטן אייער קארטל אלץ פארלוירן, גערויבט, אדער געשעדיגט. די FFOC וועט מער נישט ארבעטן נאך עס ווערט צוריקגערופן.
- FFNYC וועט אייך שיקן א נייע FFOC אין די פאסט איינמאל די באריכטעטע קארטל ווערט אפגעשטעלט.
- FFNYC וועט בלויז ארויסגעבן איין ערזעצונג FFOC פער איינשרייבונג יאר. א צווייטע ערזעצונג איז <u>בלויז</u> ערלויבט אונטער ספעציעלע אומשטענדן ביים פראגראם'ס אויסוואל.
- נישט ריכטיג גענוצטע אדער נישט גוט באהאנדלטע FFOCs מיט פארבליבענע געלט זענען נישט בארעכטיגט פאר ריפאנדס.
- איר קענט אריבערפירן אייער באלאנס פון אייער אלטע קארטל צו אייער נייע קארטל דורך רופן OMNY קאסטומער סערוויס אויף 6669-789-877. ווען איר רופט, דארפט איר געבן אן אימעיל אדרעס אדער אייער פעיר פעירס ID און די טראנזיט אקאונט נומער פאר די פארלוירענע OMNY קארטל. איר קענט טרעפן אייער פעיר פעירס ID און די טראנזיט אקאונט נומער אין אייער AHRA אקאונט.

**אפלויף פון FFOC אין איינקלאנג מיט NYCT פראצעדורן:**

ערשטע און לעצטע נאמען: ____________________

:Fair Fares ID

__________________________________

- אייער FFOC האט אן אפלויף דאטום אויף די הונטערשטע זייט. איר זאלט ווייטער נוצן די זעלבע קארטל ביז עס לויפט אפ. FFNYC וועט אויטאמאטיש ארויסשיקן אין די פאסט א נייע קארטל איידער עס לויפט אפ אויב איר זענט נאך איינגעשריבן אינעם פראגראם.
- ווען אייער OMNY קארטל לויפט אפ, קענט איר אריבערפירן די באלאנס פון אייער אפגעלאפענע קארטל צו אייער נייע קארטל דורך זיך פארבינדן מיט OMNY קאסטומער סערוויס אויף 789-6669 (877).

**קיין אריבערפירן געלט פון מעטרא קארטל צו OMNY קארטל:**

- איר קענט נישט אריבערפירן די באלאנס פון אייער FFM צו אייער FFOC. איר דארפט נוצן די פארבליבענע באלאנס אויף אייער מעטרא קארטל איידער עס לויפט אפ אדער ווערט צוריקגערופן.
- איר קענט נישט אריבערפירן סיי וועלכע פארבליבענע באלאנס פון א גאנצע-פעיר מעטרא קארטל אדער א גאנצע-פעיר OMNY אקאונט צו א FFM אדער FFOC.

**פארלאנגען א ריפאנד פאר א פארלוירענע אדער גערויבטע FFM אין איינקלאנג מיט NYCT פראצעדורן:**

אויב אייער FFM ווערט פארלוירן אדער גערויבט, **און** איר האט געקויפט א 30-טאג פאס מיט א **קרעדיט, דעביט אדער EBT קארטל**:

- נאך איר רופט 311 אדער גייט אריין צו אייער AHRA צו באריכטן אייער קארטל אלץ פארלוירן אדער גערויבט, זאלט איר זיך פארבינדן מיט NYC טראנזיט דורך רופן 511 אדער 330-1234 (718) און אויספאלגן די באפעלן ביז איר דערגרייכט די באלאנס באשיצונג פראגראם צו פארלאנגען א ריפאנד.
- איר קענט זיין בארעכטיגט פאר א טיילווייזע ריפאנד באזירט אויף די טאג וואס איר האט געלאזט די באלאנס באשיצונג וויסן אז די FFM איז פארלוירן אדער גערויבט **און**:
  - די פארלוירענע אדער גערויבטע FFM האט א 30-טאג פאס אויף עס;
  - עס איז געווען צייט פארבליבן אויף אייער 30-טאג פאס ווען עס איז ארויס פון באנוץ; און
  - איר האט באצאלט פאר די 30-טאג פאס מיט א דעביט, קרעדיט אדער EBT קארטל.
- אויב אייער FFM איז פארלוירן אדער גערויבט, קענט איר באקומען איין אומזיסטע ריפאנד יעדע קאלענדער יאר. א צווייטע ריפאנד וועט האבן א $5.00 אפצאל, און קיין שום ריפאנד וועט געגעבן ווערן אויב די סומע אויף די קארטל איז ווייניגער ווי $5.00. די מערסטע וואס איר קענט באקומען איז צוויי ריפאנדס יעדעס יאר.

**oFFM וואס ווערן געשעדיגט אדער ארבעטן נישט:**

אויב איר קענט נישט נוצן אייער FFM וויבאלד עס איז געשעדיגט אדער ארבעט נישט, דארפט איר צוריקגעבן אייער געשעדיגטע FFM אדער FFM וואס ארבעט נישט צו א FFNYC אפיס לאקאציע.

רופט 311 אדער באזוכט www.nyc.gov/fairfares צו טרעפן אייער נענטסטע אפיס לאקאציע. DSS/HRA וועט אייך געבן אן ערזעצונג FFOC ווען איר געבט צוריק אייער געשעדיגטע FFM אדער FFM וואס ארבעט נישט צום פראגראם.

**מעטרא קארטל אפלויף**

אויב עס איז דא געלט איבערגעבליבן אויף אייער FFM ווען עס לויפט אפ, קענט איר פארלאנגען א ריפאנד.

שיקט אייער פארלאנג אויף פאסט אדער געבט צוריק אייער אפגעלאפענע קארטל צו אן FFNYC לאקאציע. סיי וועלכע פארלאנג פאר א ריפאנד דארף געמאכט ווערן אינערהאלב 2 יאר פון די אפלויף דאטום אויף די הונטערשטע זייט פון די קארטל.

**ערשטע און לעצטע נאמען: ____________________**

**:Fair Fares ID**

**________________________________**

צו שיקן א פארלאנג דורך פאסט, לייגט צו די פאלגנדע אינפארמאציע אין די קאנווערט מיט אייער קארטל:

- אייער ערשטע און לעצטע נאמען.
- פעיר פעירס קליענט ID נומער (געפונט זיך אויף די פעיר פעירס היים בלאט אין אייער ACCESS HRA אקאונט).
- די סך הכל באלאנס וואס איר קלערט איז איבערגעבליבן אויף די קארטל.

שיקט אייער קארטל און די אויבנדערמאנטע אינפארמאציע צו:

Fair Fares NYC
PO Box 7099
New York, NY 10008-7099

**פאר באנוצער איינגעשריבן פאר א דיסקאונט אויף באנען און אקסעס-א-רייד (AAR) רייזעס:**

- פעיר פעיר אנטיילנעמער וועלכע פארן מיט AAR און פארלאנגען א דיסקאונט אויף AAR רייזעס זענען נישט בארעכטיגט צו באקומען א FFOC. אויב איר האט שוין אן FFOC, וועט די FFNYC דיסקאונט ווערן אוועקגענומען.
- נאך איר געבט די פראגראם אייער אקסעס-א-רייד ID נומער און NYC טראנזיט באשטעטיגט אייער אינפארמאציע, וועט די דיסקאונט ווערן צוגעלייגט דירעקט צו יעדע AAR אקאונט. נאך איר ווערט באשטעטיגט דורך AAR, וועט איר קענען באשטימען רייזעס מיט א דיסקאונט אויף AAR דורכאויס אייער פעיר פעירס בארעכטיגונג צייט אפשניט. די דיסקאונט וועט ווערן צוגעלייגט צו אייער רייזע ווען איר באשטימט עס, און איר וועט בלויז באצאלן די דיסקאונט פעיר ווען אייער רייזע ווערט פארענדיגט.
- בלויז איר זענט ערלויבט צו נוצן אייער AAR פעיר דיסקאונט. אויב איר לאזט איינער אנדערש נוצן אייער דיסקאונט, קענט איר פארלירן אייער בארעכטיגונג פאר'ן פראגראם. ביטע זעט די שטראפן אפטיילונג אונטן פאר מער ספעציפישע אינפארמאציע.

**מיטן צושטימען צו די FFNYC טערמינען פון באנוץ, טוט איר אנערקענען און אננעמען די טערמינען און פאליסיס איבער די באנוץ פון אונזערע סערוויסעס, אריינגערעכנט פארשריפטן אויף באנוצער אויפפירונג, פריוואטקייט פון אינפארמאציע, אינטעלעקטועל פראפערטי רעכטן, און באגרעניצונגען פון פאראנטווארטליכקייט.**

**באנייאונגען אין די FFNYC פראגראם:**

די פראגראם וועט אייך מעלדן כאטש 30 טעג איידער אייער FFNYC פראגראם איינשרייבונג צייט אפשניט ענדיגט זיך. איר קענט דאן אריינשיקן א באנייאונג אפליקאציע צו DSS/HRA. אייער FFOC וועט האבן אן אנדערע אפלויף דאטום פון אייער FFNYC פראגראם איינשרייבונג. איינמאל אייער באנייאונג אפליקאציע ווערט איבערגעקוקט און באשטעטיגט, וועט אייער דיסקאונט ווייטער גיין אויף אייער FFOC, אויסער אויב איר האט פארלאנגט א נייע קארטל דורכאויס אייער באנייאונג אפליקאציע. אויב אייער FFOC לויפט אפ דורכאויס אייער איינשרייבונג, וועט א נייע FFOC אויטאמאטיש ווערן ארויסגעשיקט אין די פאסט איידער עס לויפט אפ.

**דיסקלעימער:**

פעיר פעירס דיסקאונטס וועט בלויז זיין אוועילעבל ווילאנג די פראגראם איז אין קראפט. אויב די פראגראם ווערט אפגעשטעלט, וועט די דיסקאונט ווערן אראפגענומען פון אייער קארטל, אבער איר קענט נאך ווייטער נוצן די פארבליבענע באלאנס אין אייער OMNY אקאונט. אקסעס-א-רייד דיסקאונטס וועט זיך גלייך אפשטעלן אויב די פראגראם ווערט אפגעשטעלט.

**מיטן צושטימען צו די טערמינען פון באנוץ, טוט איר אויך צושטימען אז די אפמאך איז דורך און צווישן אייך, אלץ דער אנטיילנעמער, און DSS/HRA אלץ דער אדמיניסטראטאר פון די FFNYC פראגראם. NYCT איז נישט א צד אין די אפמאך.**

**ענדערונגען צו די אפמאך:**

**ערשטע און לעצטע נאמען:** ____________________

**:Fair Fares ID**

________________________________

DSS/HRA קען טוישן די טערמינען פון די אפמאך סיי ווען אין יעדע צייט. די ענדערונגען וועלן בלויז ווערן גילטיג אין די טאג געשריבן אויף די מעלדונג פון טויש. אויב סיי וואס אין די מעלדונג פון טויש מאכט א טייל פון די אפמאך נישט גילטיג, מאכט נישט די מעלדונג פון טויש די גאנצע אפמאך נישט גילטיג. דאס באדייט אז די איבעריגע טערמינען פון די אפמאך וועלן נאך אלץ זיין אין קראפט.

**אמטירנדע געזעץ:**
די געזעצן פון די סטעיט פון ניו יארק און קאפיטל 12 פון טיטל 68 פון די געזעצן פון די סיטי פון ניו יארק קאנטראלירן די אפמאך. ניו יארק סטעיט געזעצן וועלן גענוצט ווערן אפצוטייטשן די אפמאך.

**ענדערונגען צו אייער אינפארמאציע:**
איר ווערט באקומען מעלדונגען און ערזעצונג FFOCs צום אדרעס וואס מיר האבן אויפן רעקארד. איר שטימט צו צו מעלדן פאר DSS/HRA איבער סיי וועלכע ענדערונגען צו די אינפארמאציע וואס איר האט פריער צוגעשטעלט, אזוי ווי:

- נאמען;
- אדרעס;
- טעלעפאן נומער; און
- אימעיל אדרעס.

איר קענט טוישן אייער פאסט אדרעס אדער פארבינדונג אינפארמאציע דורך באזוכן www.nyc.gov/accessfairfares, רופן 311 אדער באזוכן א פעיר פערס NYC אפיס לאקאציע.

**אומבארעכטיגקייט:**
FFNYC וועט אוועקנעמען די דיסקאונט פון אייער קארטל אויב אדער ווען איר ווערט געפונען אומבארעכטיגט פאר די פראגראם. איר קענט ווייטער נוצן די קארטל אן די דיסקאונט אויב עס איז נישט געווארן אפגעשטעלט.

**צוימונגען:**
איר זענט די איינציגסטע פערזאן ערלויבט צו נוצן אייער FF דיסקאונט. אויב איר לאזט איינער אנדערש נוצן אייער FF דיסקאונט, קענט איר ווערן אראפגענומען פון די פראגראם, און אויב איר האט אן FFOC, וועט סיי וועלכע פארבליבענע באלאנס אויף די קארטל ווערן פארלוירן.

אזוי ווי מיט אלע OMNY קארטלעך, דארפט איר ציגן אייער FFOC צו סיי וועלכע פאליציי אפיציר אדער טראנזיט שטאב מיטגליד אויב זיי בעטן עס.

איר קענט נישט באקומען א ריפאנד אדער ערזעצונג אויב:

- איר האט זיך ארומגעשפילט מיט אייער FFOC; אדער
- איר האט געגעבן אייער FFOC פאר אן אנדערע פערזאן צו נוצן.

**שטראפן:**
אויב איר באהאנדלט אדער נוצט נישט ריכטיג אייער FF דיסקאונט אדער באשווינדלט פעיר פערס NYC (אריינגערעכנט אבער נישט באגרעניצט צו געבן דעם דיסקאונט צו אן אנדערע פערזאן צו נוצן, אדער בדווקא צושטעלן נישט ריכטיגע אינפארמאציע צו פעיר פערס NYC), וועט איר באקומען א ווארענונגס בריוו און א 60-טאג אפשטעל. נאך די 60-טאג אפשטעל ענדיגט זיך, קענט איר זיך ווידער איינגעבן פארן פראגראם. אויב איר באגייט א צווייטע פארלעצונג, וועט איר ווערן אומבארעכטיגט פונעם פראגראם אויף אייביג.

נישט ריכטיג גענוצטע אדער נישט גוט באהאנדלטע FFOCs מיט פארבליבענע געלט זענען נישט בארעכטיגט פאר ריפאנדס.

**רעכט זיך קעגנצושטעלן בארעכטיגונג באשלוס:**
אויב מען באשליסט אז איר זענט אומבארעכטיגט פאר פעיר פערס NYC, האט איר די רעכט זיך צו קעגנשטעלן צום בארעכטיגונג באשלוס דורך בעטן אן אדמיניסטראטיווע איבערזיכט דורך רופן 311 אדער באזוכן א FFNYC לאקאציע.

**ערשטע און לעצטע נאמען:** ____________________

**:Fair Fares ID**

________________________________

**אנטפלעקונג:**

DSS/HRA קען נוצן און מיטטיילן פערזענליכע אינפארמאציע געזאמלט איבער אייך פאר אייער מיטטיילונג אינעם פראגראם פאר געוויסע צוועקן, אריינגערעכנט אבער נישט באגרעניצט צו די פאלגנדע:

- פארפיגן אויף די פראגראם;
- אייך פארבינדן מיט נאך בענעפיטן, סערוויסעס, און קעיר וואס איר קענט זיין בארעכטיגט פאר;
- באשטעטיגן אייער אנטיילנעמונג אין די אקסעס-א-רייד פראגראם;
- באשטעטיגן אז איר נעמט נישט אנטייל אין אן MTA פארמינערטע-פעיר פראגראם; און
- צושטעלן פאר געזעץ אינפארסירונג צו אויספארשן פארדעכטיגטע פעלער פון שווינדל פארבינדן צום פראגראם.

די פעיר פעירס דיסקאונט און איר באנוץ איז אויסגעשטעלט צו אלע שטייער באדינגונגען, געזעצן און פארשריפטן פון די NYC טראנזיט און אירע פארבינדענע.
**די באנוץ פון אן FFOC זאל זיין אויסגעשטעלט צו די זעלבע פעיר און שטייער טערמינען, באדינגונגען, און צוימונגען ווי די באנוץ פון די FFM. אייער באנוץ פון די פעיר פעירס דיסקאונט מיט OMNY איז אויסגעשטעלט צו די OMNY טערמינען פון סערוויסעס און OMNY פריוואטקייט פאליסי וועלכע מען קען געפונען אויף OMNY.info.**

ביטע ליינט און שרייבט אונטער די טערמינען פון באנוץ און האלט א קאפיע פאר אייערע רעקארדס.

______________________________ ______________

אנטיילנעמער נאמען (דריקט) דאטום

______________________________

אנטיילנעמער אונטערשריפט

**פאר קאסטומער סערוויס אדער מער אינפארמאציע, רופט 311. אויב איר זענט טויב אדער הערט שוואך, נוצט 711 אדער די רילעי סערוויס פראוויידער וואס איר ווילט זיך צו פארבינדן מיט אונז.**